בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִּישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון קט"ו

פרשת בלק שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּנֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### פַארְוָואס וֵויינְט דֶער חָתָן פַאר דִי חוּפָּה?

יֶעצְט ווִיל אִיךְ רֶעדְן פוּן נָאךְ אַ נְקוּדָה, אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע שִׁיעוּר וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז פַאר מֶען טוּט עֶפֶּעס מִיט אַ קִינְד, פַאר מֶען גֵייט נֶעמֶען דִי זַאךְ אִין דִי הַאנְט אוּן מֶען הַאלְט קְלָאר אַז דֶער קִינְד אִיז רַחֲמָנָא לִיצְלָן... מוּז מֶען אוֹיסְהֶערְן דֶעם קִינְד, אוּן אַמָאל דַארְף מֶען אֲפִילוּ גְלֵייבְּן דֶעם קִינְד, אָדֶער עַל כָּל פָּנִים עֶס דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן אוּן גוּט קוּקְן אוֹיבּ דֶער קִינְד אִיז אֶפְשָׁר נִישְׁט שׁוּלְדִיג.

הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה; אַ רָב אִיז גֶעקוּמֶען זַיין דֶער 'מְסַדֵּר קִידוּשִׁין' פוּן אַ חֲתוּנָה, אוּן דֶער רָב בַּאמֶערְקְט ווִי דֶער חָתָן הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ כְלִיפֶּעצְן אוּן וֵויינֶען בַּיים 'קַבָּלַת פָּנִים', עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶעפָאלְן דָאס גֶעוֵויין פוּנֶעם חָתָן, מֶען קֶען אַמָאל זֶען אַ חָתָן וֵויינֶען אָבֶער דָא זֶעט עֶר דֶעם חָתָן וֵויינֶען אַזוֹי ווִי מֶען וֵויינְט אוֹיף אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט טְרֵייסְטְן, פְרֶעגְט דֶער רָב דֶעם חָתָן: **"אַלֶעס אִיז פֵיין?"** זָאגְט דֶער חָתָן: **"נֵיין, אִיךְ הָאבּ אַ זַאךְ אוֹיפְן הַארְץ; אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין צוּ דִי חוּפָּה"**, זָאגְט אִים דֶער רָב: **"לָאמִיר גֵיין אִין דִי זַייט אוּן הֶערְן וָואס גֵייט פָאר"**, דֶער חָתָן גֵייט אִין אַ זַייט מִיטְן רָב, אוּן דֶערְצֵיילְט אִים אַ שׁוֹידֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה.

דֶער חָתָן דֶערְצֵיילְט אַזַא מַעֲשֶׂה: וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגְל הָאט עֶר גֶע'גַנֶבְ'עֶט אַ טֵייעֶרֶע חֵפֶץ פוּנֶעם מְלַמֵּד, זַיין 'גָאלְדֶענֶע זֵייגֶער', פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער מְלַמֵּד הָאט שְׁנֶעל גֶעכַאפְּט אַז דֶער חֵפֶץ פֶעלְט, הָאט דֶער מְלַמֵּד אוֹיסְגֶערוּפְן: **"וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער גַנָב זָאל זִיךְ יֶעצְט מוֹדֶה זַיין!"** דֶער אִינְגְל הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט מוֹדֶה זַיין, וַוייל דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעוָוארְפְן אַזַא פַּחַד, אַז דֶער אִינְגְל הָאט גֶעשְׁפִּירְט מִיט זַיין קִינְדֶערִישֶׁע קָאפּ אַז עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין שַׁאנְס זִיךְ אָנְצוּרוּפְן **"אִיךְ בִּין דֶער גַנָב"**, עֶר הָאט גֶעצִיטֶערְט זִיךְ מוֹדֶה צוּ זַיין אַז עֶר הָאט גֶעטוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע עֲבֵירָה פוּן אַרַיינְלֵייגְן יֶענֶעמְ'ס זַאךְ בַּיי זִיךְ אִין טַאשׁ.

דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעזֶען אַז קֵיינֶער אִיז זִיךְ נִישְׁט מוֹדֶה, הָאט עֶר אוֹיסְגֶע'שׁוּרָה'ט אַלֶע קִינְדֶער בַּיים וַואנְט, אוּן גֶעזָאגְט: **"בַּיי וֶועם אִיךְ וֶועל טְרֶעפְן דֶעם חֵפֶץ אִיז 'אַחַת דָּתוֹ לְהָמִית!'"** דֶערְצֵיילְט דֶער חָתָן: **"דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעלֵייגְט אַזַא פַּחַד אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶר זָאל עֶס טְרֶעפְן אִין מַיין טַאשׁ, הָאבּ אִיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם זֵייגֶער פוּן מַיין טַאשׁ אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט עֶס אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט אִינֶעם דֶערְנֶעבְּנְדִיגְן אִינְגְלְ'ס טַאשׁ, בְּשַׁעַת יֶענֶער הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעפִילְט ווִי אִיךְ לֵייג עֶס אַרַיין אִין זַיין טַאשׁ"**.

דֶער מְלַמֵּד אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ יֶענֶעם אִינְגְל, עֶר הָאט בַּאטַאפְּט זַיין טַאשׁ אוּן גֶעטְרָאפְן דֶעם זֵייגֶער... דֶער מְלַמֵּד אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶערֶעגְט. דֶער מְלַמֵּד פְרֶעגְט דֶעם קִינְד: **"וָואס אִיז דָאס? דוּ בִּיסְט דֶער גַנָב?"** דֶער אִינְגְל הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַארֶענְטְפֶערְן: **"אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶע'גַנֶבְ'עֶט..."** פְרֶעגְט אִים דֶער מְלַמֵּד: **"אַזוֹי?! דוּ הָאסְט עֶס נִישְׁט גֶע'גַנֶבְ'עֶט? פַארְוָואס לִיגְט דִי זֵייגֶער אִין דַיין טַאשׁ?!"** אַזוֹי הָאט דֶער מְלַמֵּד גֶעמַאכְט דָאס גֶענַאר (חוֹזֶק) פוּן דֶעם קִינְד, עֶר הָאט אַרַיינְגֶערוּפְן דֶעם מְנַהֵל, עֶר הָאט גֶערוּפְן דֶעם אִינְגְלְ'ס טַאטֶע מַאמֶע, עֶר הָאט יֶעדְן דֶערְצֵיילְט אַז דֶער אִינְגְל הָאט גֶע'גַנֶבְ'עֶט אוּן עֶר זָאגְט לִיגְנְט, עֶר אִיז נִישְׁט 'מוֹדֶה עַל הָאֱמֶת', אוּן דֶער מְלַמֵּד מִיטְן מְנַהֵל צוּזַאמֶען מִיט דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים גֶעשִׁינְדְן דִי הוֹיט, וַוייל מֶען מוּז דָאךְ דָא עֶפֶּעס טוּן, עֶר הָאט גֶע'גַנֶבְ'עֶט אוּן עֶר זָאגְט נָאךְ אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶע'גַנֶבְ'עֶט, אִיז עֶר דָאךְ אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער פַארְבְּרֶעכֶער... אוּן דֶער אִינְגְל

## גְלֵייבּ דֶעם קִינְד

הָאט גֶעשְׁרִיגְן: **"מֶען גְלֵייבְּט מִיךְ נִישְׁט; אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶע'גַנֶבְ'עֶט, גְלֵייבְּט מִיר אַז אִיךְ וֵייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין מַיין טַאשׁ"**.

יֶעצְט וֵויינְט דֶער חָתָן צוּם רָב, עֶר זָאגְט: **"יֶענֶער אִינְגְל אִיז אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין צוּ דִי חוּפָּה בְּשַׁעַת אִיךְ וֵייס אַז אִיךְ הָאבּ גוֹרֵם גֶעוֶוען אַ אִינְגְל זָאל אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה"**.

### וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג אַז דֶער אִינְגְל אִיז אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה?

דֶער רָב הָאט אִים בַּארוּאִיגְט, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: **"עֶס אִיז נִישְׁט דוּ; דוּ בִּיסְט דָאךְ גֶעוֶוען אַ קָטָן, אוּן דַיין מְלַמֵּד הָאט דָאךְ גֶעוָוארְפְן אַזַא פַּחַד אַז דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעמוּזְט רַאטֶעוֶוען דַיין לֶעבְּן; אוֹיבּ עֶפֶּעס, אֶפְשָׁר טָאר דֶער מְלַמֵּד נִישְׁט גֵיין צוּ דִי חוּפָּה"**... דִי קַשְׁיָא אִיז אוֹיפְן מְלַמֵּד, אוֹיפְן מְנַהֵל אוּן אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן, וָואס הָאבְּן פַארְשֶׁעמְט אוּן דֶערְנִידֶערְט יֶענֶעם קִינְד, זֵיי זֶענֶען דָאךְ גֶעוֶוען גְדוֹלִים, אוּן זֵיי וָואלְטְן יָא גֶעדַארְפְט מֶער אַרַיינְטְרַאכְטְן אִין דִי מַעֲשֶׂה, בְּשַׁעַת דֶער אִינְגְל שְׁרֵייט חַי וְקַיָּם: **"אִיךְ וֵייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי דִי זֵייגֶער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין מַיין טַאשׁ!"**

דָאס וָואס דֶער אִינְגְל אִיז נֶעבֶּעךְ אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה, אִיז אַ דָבָר פָּשׁוּט, וַוייל וֶוען אַ קִינְד בֶּעט זִיךְ: **"גְלֵייבְּט מִיר"**, אוּן עֶר זֶעט אַז קֵיינֶער גְלֵייבְּט אִים נִישְׁט, אֲפִילוּ זַיין טַאטֶע מַאמֶע גְלֵייבְּן אִים נִישְׁט, נָאר פַארְקֶערְט, מֶען שְׁרֵייט נָאךְ אוֹיף אִים אוּן מֶען שִׁינְדְט אִים דִי הוֹיט, קֶען דָאס גוֹרֵם זַיין עֶר זָאל נֶעבֶּעךְ אָפְּלָאזְן דִי גַאנְצֶע חִינּוּךְ וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אִים.

### מִיטְן גְלֵייבְּן דֶעם קִינְד טוּט מֶען מֶער אוֹיף ווִי מִיט קַנְסְ'עֶנֶען

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשֶׂה, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דִי מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גֶעוֵויינְט; אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'אִיךְ וֵייס נִישְׁט

צִי אִיךְ וָואלְט יָא גֶעקֶענְט עוֹמֵד בְּנִסָּיוֹן זַיין, צוּ גְלֵייבְּן דֶעם קִינְד אַז עֶר הָאט עֶס נִישְׁט אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין זַיין טַאשׁ', הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט מִיטְצוּטֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי מְלַמְּדִים, מֶען זָאל וִויסְן אַז מֶען דַארְף אוֹיסְהֶערְן אַ קִינְד, אוּן מֶען דַארְף אִים גֶעבְּן דֶעם גֶעפִיל אַז מֶען טְרָאסְט אִים אוּן מֶען גְלֵייבְּט אִים.

אֲפִילוּ אַ קִינְד וָואס זָאגְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס שְׁטִימְט נִישְׁט לוֹיט דֶעם מְלַמֵּדְ'ס קָאפּ, טָאר דֶער מְלַמֵּד גָארְנִישְׁט אָנְהֵייבְּן צוּ טוּן, מֶען קֶען עֶס אִיבֶּער שְׁמוּעֶסְן מִיט אֵיינֶעם, אָדֶער כָאטְשׁ דוּרְכְשְׁלָאפְן אוּן עֶס אִיבֶּער טְרַאכְטְן מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת.

אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער קִינְד זָאגְט טַאקֶע לִיגְנְט אוּן בֶּאֱמֶת הָאט עֶר גֶע'גַנֶבְ'עֶט, זָאל מֶען עֶנְדֶערְשׁ צוּרִיק בֶּעטְן דֶעם זֵייגֶער אוּן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען, אוּן גֶעבְּן דֶעם גֶעפִיל פַארְן קִינְד אַז מֶען גְלֵייבְּט אִים אַז נִישְׁט עֶר אִיז דֶער גַנָב, וַוייל מֶען וֶועט מֶער אוֹיפְטוּן מִיטְן טְרָאסְטְן אוּן גְלֵייבְּן אַ קִינְד, - וִוי מִיטְן קַנְסְ'עֶנֶען!

## גֶעבְּלִיבְּן אַ אִיד אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דוֹרוֹת - בִּזְכוּת אַ מְלַמֵּד

יֶעצְט וֶועל אִיךְ דֶערְצֵיילְן אַ פַארְקֶערְטֶע מַעֲשֶׂה, וָואס מֶען זֶעט וִוי מִיטְן נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אַ קִינְד פַאר אַ גְנֵיבָה, אִיז דֶער קִינְד גֶעבְּלִיבְּן אַ אִיד.

דִי מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ שׁוֹין דֶערְצֵיילְט כַּמָּה פְּעָמִים, אִיךְ וִויל עֶס אָבֶּער אִיבֶּער דֶערְצֵיילְן. אַ אִיד אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דֶער מְלַמֵּד רֶבִּי יַעֲקֹב אֱלִיעֶזֶר בֶּערְקָאוִויטְשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה [עֶר אִיז דֶער טַאטֶע פוּנֶעם דַיָּן פוּן קִרְיַת יוֹאֵל שְׁלִיטָ"א; עֶר אִיז לַאנְגֶע יָארְן גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד אִין סַאטְמֶערֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה] אוּן גֶעזָאגְט: **"עֶטְץ זָאלְטְס וִויסְן, בִּזְכוּת עֶנְקֶער טַאטֶע בִּין אִיךְ גֶעבְּלִיבְּן אַ אִיד אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ חָשׁוּבְ'עֶ מִשְׁפָּחָה"**.

זֵיי פְּרֶעגְן אִים: **"וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה?"** זָאגְט דֶער אִיד: אִיךְ וֶועל עֶנְק דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה: וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ אִינְגְל הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט בַּיי עֶנְקֶער טַאטֶע רֶבִּי יַעֲקֹב אֱלִיעֶזֶר, אִינְמִיטְן לֶערְנֶען בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַכִּסֵּא, אוּן דֶער מְנַהֵלְ'ס אָפִּיס אִיז גֶעוֶוען אָפְן, אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ קוּק אַרַיין אִין זַיין אָפִּיס אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען לִיגְן אוֹיפְן טִישׁ אַ 'צְוָואנְצִיגֶער', הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען דֶעם צְוָואנְצִיגֶער אוּן עֶס אַרַיינְגֶעפַּאקְט אִין מַיין טַאשׁ, אִיךְ זָאג נִישְׁט אַז אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעמֶעגְט טוּן, אָבֶּער אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן...

וֶוען דֶער מְנַהֵל אִיז צוּרִיק אַרַיין אִין זַיין אָפִּיס הָאבּ עֶר בַּאמֶערְקְט אַז עֶס פֶּעלְט אִים גֶעלְט, עֶר הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אֵיינֶע פוּן דִי קִינְדֶער פוּן מַיין כִּתָּה הָאבְּן עֶס גֶע'גַנֶבְ'עֶט, אִיז עֶר אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין מַיין כִּתָּה אוּן גֶעזָאגְט פַארְן מְלַמֵּד: **"עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין מַיין אָפִּיס אוֹיפְן טִישׁ אַ צְוָואנְצִיגֶער, אוּן אִיךְ בִּין חוֹשֵׁד אַז אֵיינֶע פוּן דִי קִינְדֶער פוּן דִי כִּתָּה הָאט עֶס גֶע'גַנֶבְ'עֶט, אִיךְ וִויל אוֹיסְטַאפְּן דִי קִינְדֶער צוּ כַאפְּן וֶוער עֶס אִיז דֶער גַנָב"**, הָאט עֶנְקֶער טַאטֶע גֶעזָאגְט פַארְן מְנַהֵל אַז עֶר וֶועט שׁוֹין בְּרֶענְגֶען דֶעם גַנָב, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַלֶע קִינְדֶער יֶעדֶער זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן בַּיים וַואנְט אוּן זִיךְ אוֹיסְדְרֵייעֶן דֶעם פָּנִים צוּם וַואנְט אוּן עֶר וֶועט אוֹיסְטַאפְּן יֶעדְנְ'ס טַאשׁ, כְּדֵי קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן וֶוער אִיז דֶער גַנָב, עֶנְקֶער טַאטֶע אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען פוּן אִינְגְל צוּ אִינְגְל, וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מַיין טַאשׁ הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'זִיכֶער גֵיי אִיךְ יֶעצְט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט'... דֶער מְלַמֵּד לֵייגְט אַרַיין זַיין הַאנְט אִין מַיין טַאשׁ אוּן אִיךְ הָאבּ דַאן פַארְפֶעלְט אַן אָטֶעם, אוּן פִּלְאֵי פְּלָאִים, דֶער מְלַמֵּד נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם צְוָואנְצִיגֶער פוּן מַיין טַאשׁ עֶר לֵייגְט עֶס אַרַיין אִין זַיין טַאשׁ אוּן עֶר גֵייט וַוייטֶער צוּ דִי אִיבְּרִיגֶע קִינְדֶער פוּן דִי שׁוּרָה, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי מִיר, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אוֹיסְטַאפְּן אַלֶע קִינְדֶער הָאט מֶען זִיךְ צוּרִיק גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען.

שְׁפֶּעטֶער קוּמְט דֶער מְנַהֵל צוּרִיק אַרַיין אוּן עֶר פְרֶעגְט: **"נוּ, מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם גַנָב?"** הָאט עֶנְקֶער טַאטֶע גֶעזָאגְט: **"דָא הָאט דֶער מְנַהֵל דֶעם צְוָואנְצִיגֶער"**, פְרֶעגְט דֶער מְנַהֵל: **"וֶוער אִיז דֶער אִינְגְל וָואס הָאט עֶס גֶע'גַנֶבְ'עֶט?"** עֶנְטְפֶערְט דֶער מְלַמֵּד: **"אִיךְ וֵוייס נִישְׁט, אִיךְ בִּין אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט צוּגֶעמַאכְטֶע אוֹיגְן אוּן אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט מַיין הַאנְט אִין דִי טַאשְׁן, אוּן דָא אִיז דִי צְוָואנְצִיגֶער"...**

דֶערְצֵיילְט דֶער אִיד: **"דִי מַעֲשֶׂה הָאט מִיךְ אַזוֹי בַּאנוּמֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז מַיין מְלַמֵּד גֶעבְּט אַזוֹי אַכְטוּנְג אוֹיף מַיין כָּבוֹד, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט צִי עֶר וֵוייסְט טַאקֶע נִישְׁט וֶוער דֶער גַנָב אִיז אָדֶער עֶר וֵוייסְט יָא נָאר עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אַרוֹיס דֶעם נָאמֶען וַוייל עֶר וִויל מִיר גֶעבְּן נָאךְ אַ שַׁאנְס, דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַז אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן הַיינְט הָאבּ אִיךְ קִינְדֶער אוּן אֵייניקְלֶעךְ, עֶס צִיט זִיךְ עֶרְלִיכֶע שֵׁיינֶע דוֹרוֹת"**.

## מֶען צֶעשְׁנַייט קִינְדֶער אִין דִי חֲדָרִים טָאג טֶעגְלִיךְ

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים; פוּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת זֶעט מֶען וִוי מִיט אַבִּיסְל רַחְמָנוּת אוֹיף אַ קִינְד קֶען מֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן דוֹרוֹת, אוּן מִיטְן זִיךְ אוּמְגֵיין שְׁלֶעכְט צוּ אַ קִינְד קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפּ פִירְן דוֹרוֹת.

דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲשֶׂה אִיז נִישְׁט 'אֵיין' מָאל' גֶעשֶׁען, דִי מַעֲשִׂיּוֹת קוּמֶען לֵיידֶער פָאר יֶעדְן טָאג! אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע אִין בָּארָא פַּארְק אַז אַ אִיד הָאט צֶעשְׁנִיטְן אַ אִינְגְל, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ דֶעמָאלְט גֶעפַייעֶרְט, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט (בַּיים שִׁיעוּר לֵיל שִׁשִּׁי פַּרְשַׁת דְבָרִים, שְׁנַת תשע"א): **"יֶעדֶער זָאגְט אַן אַנְדֶערֶע סִיבָּה פַארְוָואס דָאס הָאט פַּאסִירְט, דֶער זָאגְט עֶס קוּמְט וֶועגְן נִישְׁט כָּשֶׁרְ'עֶ טֶעלֶעפָאוֹנְס אוּן דֶער זָאגְט וֶועגְן אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ זָאג - הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט - אַז דָאס קוּמְט וַוייל מֶען צֶעשְׁנַייט קִינְדֶער אִין דִי חֲדָרִים, מֶען שְׁלָאגְט קִינְדֶער מַכּוֹת רֶצַח אוּן מֶען פַארְשֶׁעמְט זֵיי!"** מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט בַּיי דִי דְרָשָׁה. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן דֶעמָאלְט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ קוּנְטְרֵס פוּן דִי דְרָשָׁה מִיטְן נָאמֶען **"צוּשְׁנַייד מִיךְ נִישְׁט"**, דֶער קוּנְטְרֵס אִיז הַפְלֵא וָפֶלֶא.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ יֶעצְט דֶערְמַאנְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה, וַוייל יֶעצְט אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה אִין בָּארָא פַּארְק, נֶעבֶּעךְ אוֹיךְ פוּן אַ אִיד וָואס הָאט צֶעשְׁטָאכְן זַיין טַאטֶע מַאמֶע אוֹיף טוֹיט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אִינְגֶעלַייט זָאגְן מִיר אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט פוּן טְרַאמֶע, זֵיי פִילְן אַז עֶפֶּעס גֶעשֶׁעט מִיט זֵייעֶר מֹחַ, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט **"נוּ, וָואס וָואלְט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט? דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ! דָאס קוּמְט וַוייל מֶען צֶעשְׁנַייט עֶלְטֶערְן, קִינְדֶער רֶעדְן צוּ עֶלְטֶערְן נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין עֶלְטֶערְן"**.

## בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן מִיט קִינְדֶער

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, מַיין הַארְץ אִיז מִיט עֶנְק, אִיךְ דַאנְק עֶנְק, אִיךְ בֶּענְטְשׁ עֶנְק, אוּן אִיךְ וֵוייס אַז עֶטְץ אַרְבֶּעטְס שְׁוֶוער; אִיךְ אַרְבֶּעט אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט גוּטֶע זַאכְן. אוֹי אַרְבֶּעטְן מֶענְטְשְׁן שְׁוֶוער, וֶוען עֶטְץ וָואלְטְס גֶעוואוּסְט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אִין דִי בִּיזְנֶעס וֶועלְט, וִוי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם יֶעדְן טָאג אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, דֶער בַּא'גַנֶבְ'עֶט אִים אוּן דֶער בַּא'גַנֶבְ'עֶט אִים, דֶער הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר גֵייט שׁוֹין מַאכְן גֶעלְט אוּן עֶר מַאכְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, וָואלְטְן עֶנְק זִיךְ גֶעפְרֵייט 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין כָאטְשׁ גֶעזִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר, אִיךְ הָאבּ אַבִּיסְל גֶעלֶערְנְט אוּן אַבִּיסְל גֶעדַאוֶוענְט מִיט דִי קִינְדֶער.

## דָאס דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען דַארְף מִיטְוַואקְסְן מִיט דִי קִינְדֶער

אִיךְ וִויל צוּלֵייגְן נָאךְ אֵיין קְלֵיינֶע נְקוּדָה; אָנְהוֹיבּ יָאר הֵייבְּט מֶען אַלֶעס אָן שְׁטַייט, מֶען דַאוֶוענְט נָאךְ וֵויינִיג, מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס צוּ דַאוֶוענֶען, אוּן מֶען לֶערְנְט אַבִּיסְל וֵויינִיג, אַזוֹי וִוי דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ גֶעווֹאוֹינְט פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע כִּתָּה, אָבֶּער אַז מֶען הַאלְט שׁוֹין יֶעצְט 'חוֹדֶשׁ שְׁבָט', דַארְף יֶעדֶער מְלַמֵּד וִויסְן אַז מֶען דַארְף שׁוֹין צוּלֵייגְן אַ שְׁטִיקְל צוּם

# המשך שיעורים אין חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

דאַוונען; יעדע שטיק צייט דאַרף מען צולייגן נאָך אַ שטיקל און נאָך שטיקל, דאָס דאַוונען דאַרף מיטוואַקסן מיט די כּיתּה.

די זעלבּע זאַך איז מיט די פּסוקים חומש, מיט רש"י, מיט משניות און גמרא. 'חודש שבט' קען מען נישט לערנען די זעלבּע ווי מען האָט געלערנט אָנהייבּ יאָר, מען דאַרף צולייגן נאָך אַ פּסוק חומש, נאָך אַ רש"י, נאָך אַ משנה און נאָך אַ שורה גמרא.

## אויסלערנען שיינע אידישע זאַכן

אויך איז כּדאי אויסצולערנען אידישע זאַכן, ווי 'גמטריאָות', 'ראשי תּיבות', די 'פּשטא' טראָפּן; עס איז דאָ אַזויפיל זאַכן וואָס מען קען אויסלערנען, אין די תּורה ליגט דאָך אַלעס. און פאַרשטייט זיך מען זאָל נישט רעדן פון סתּם נייעס און נאַרישקייטן.

על כּל פּנים, טייערע מלמדים, געדענקט די צוויי זאַכן וואָס מיר האָבּן היינט גערעדט.

די ערשטע זאַך: זיך יעדן טאָג אָנגרייטן צו דערציילן אַ מעשׂה פון אַ צדיק, און די צווייטע זאַך: נישט טון קיין שריט פאַר מען האָט אויסגעהערט דעם קינד און איבּער געטראַכט מיט ישוב הדעת אַז אפשר איז דער קינד נישט שולדיג.

דער אייבּערשטער זאָל העלפן, עטץ זאָלט האָבּן אַסאַך הצלחה און סייעתּא דשמיּא, אָמן.

# בּריוון פון חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

## איך האָבּ פאַרלוירן מיין סבלנות, מעג איך זיין מלמד?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

בּיז יעצט האָבּ איך אויך נישט געהאַט קיין סאַך סבלנות אין חדר, און איך האָבּ זיך צומאָל פאַרלוירן און געשלאָגן, יעצט האָבּ איך פאַרלוירן אַ גרויס חלק פון מיין געהאַלט, און איך האָבּ נאָך ווייניגער סבלנות. מעג איך זיין אַ מלמד?

יישר כּח

**תּשובה:**

בּעזרת ה' יתבּרך - יום ג' פּרשת תּצוה, שובבי"ם, י"א אדר א', שנת תשפ"ד לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האָבּ ערהאַלטן דיין בּריוו.

אויסדריקליך אַז נישט, אויבּ דו פאַרלירסט זיך און דו שלאָגסט די קינדער - טאָרסטו נישט זיין קיין מלמד. מוהרא"ש זאָגט, אַ מלמד וואָס נוצט הענט - טאָר נישט זיין קיין מלמד, און אַז ער זוכט פּרנסה זאָל ער גיין אַרבּעטן בּיים צאַמנעמען די מיסט און אויסגעבּן די כּעס אויף די קאַנעס, אַזוי ווי מען זעט בּיי די וואָס אַרבּעטן בּיי די מיסט ווי זיי וואַרפן די קאַנעס מיט כּעס און רציחה.

שלאָגן פון פאַרלוירנקייט - איז פאַרקערט פון חינוך, בּכלל שלאָגן איז נישט גוט. דער רבּי האָט נישט געלאָזט שלאָגן, דער רבּי האָט פאַרגעהאַלטן רבּי נתן היתּכן ער האָט געגעבּן אַ פּראַסק פאַר זיין זון, און דאָס איז אויך נישט געווען פון פאַרלוירנקייט, רבּי נתן האָט געטראַכט אַז זיין זון וויל נישט פאָלגן, אַריינקומען זיצן נעבּן דעם גאַסט וואָס האָט געהאַט אַ שלעכטע שווערע גערוך, האָט אים רבּי נתן געגעבּן אַ פּאַטש, און מיט דעם אַלעם האָט דער רבּי אים פאַרגעהאַלטן: "אַ קינד שלאָגט מען?" און זיכער נישט ווען מען ווערט פאַרלוירן און מען טיילט פּעטש רעכטס און לינקס, אַזאַ איינער טאָר נישט האָבּן מיט קינדער.

דער אייבּערשטער זאָל העלפן זאָלסט האָבּן הצלחה אין אַלע ענינים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת כי תשא תשפ"ג)

## פאַרוואָס צאָלט מען אַזוי ווייניג פאַר אַ מלמד?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בּין שוין אַ מלמד אַ שיינע פּאָר יאָר, איך האָבּ בּרוך השם אַ גרויסע משפּחה מיט קינדער, אָבּער איך פאַרדין נישט גענוג צו דעקן דעם חודש, איך בּאַקום ממש ווי מען בּאַצאָלט אויף די גאַס פאַר אַ בּיליגע אַרבּעטער, פאַר יעדע זאַך פאַרשטייט מען אַז מען דאַרף צאָלן נאָרמאַל, אויסער פאַר אַ מלמד וואָס טוט די שווערסטע אַרבּעט צו זיצן אין אַ קלאַס מיט לעבּעדיגע קינדער אַ גאַנצן טאָג און אויסהאַלטן יעדנ'ס שוועריקייטן.

איך פאַרשטיי אַז די מוסד וואו איך בּין איינגעשטעלט האָט נישט קיין געלט צו בּאַצאָלן מער, אָבּער איך קען נישט פאַרשטיין ווען איך זע מענטשן צאָלן נישט די שׂכר לימוד אָדער דינגען זיך מיט פּרייז, ווען אין די זעלבּע צייט ווען זיי איינקויפן וואָס זיי דאַרפן פאַר זייער בּאַקוועמליכקייט און אויסגעבּן געלט אויף זאַכן וואָס זענען נישט בּאמת וויכטיג, און נאָר ווען עס קומט צו שׂכר לימוד, וואָס איז די וויכטיגסטע זאַך פאַר אַ מענטש, זוכט מען צו שפּאָרן.

אויך טוט מיר זייער וויי ווען איך הער אַסאַך מאָל מענטשן זאָגן אַז אַ מלמד ווערט אַ מלמד ווייל ער טויג נישט אויף קיין שום אַנדערע זאַך, ווען דער אמת איז אַז אַ מלמד איז סאַך אַ שווערערע און אַסאַך מער קאָמפּליצירטע אַרבּעט פון רוב אַנדערע זאַכן, און צו זיין אַ גוטער מלמד פאָדערט אַסאַך כּח און מוח מיט געדולד, און צום סוף פאַרשטייען אפילו נישט די עלטערן וואָס דער מלמד טוט פאַר זייער קינד, און פאַר די קלענסטע זאַך וואָס זיי מיינען אַז מען האָט נישט גוט געטון, וועט מען רופן אָנשרייען און פאָרהאַלטן, ווען עס איז נישט מעגליך זיי מסבּיר צו זיין וואָס איז פאָרגעגאַנגען פונקטליך.

איך קען נוצן חיזוק אויף דעם.

יישר כּח

**תּשובה:**

בּעזרת ה' יתבּרך - יום ב' פּרשת וישלח, י"א כּסליו, שנת תשפ"ב לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האָבּ ערהאַלטן דיין בּריוו.

נישטאָ קיין ווערטער אַרויסצובּרענגען דאָס גרויסקייט פון אַ גוטער מלמד, ווי גרויס זיינע זכותים זענען; אַלע תּורה און תּפלה וואָס די תּלמידים גייען לערנען און דאַווענען זייער גאַנץ לעבּן - גייט אויפ'ן זכות פונעם מלמד.

ליידער זענען מענטשן מזלזל אין מלמדים, מען שעצט נישט זייער אַרבּעט; דאָס טוט זייער וויי, בּפרט ווען מען אַרבּעט בּיטער שווער מיט אַ קינד און אַנשטאָט צו בּאַקומען אַיינערקענונג פון די עלטערן אויף די שווערע אַרבּעט - האָט מען גאָר טענות וכו'; דאָס נעמט אַרויס די כּח פונעם מלמד.

# גִּלְיוֹן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אִיךְ בִּין אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד, אִיךְ פַאַרְשְׁטֵיי דִיר זֵייעֶר גוּט; מִיט דֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן. גֶעדֶענְק, מֶען אַרְבֶּעט פַאַרְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אַרְבֶּעט נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ, אוּן אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוערְט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אוּן פְּלָאג, עֶס אִיז אָנְגֶעגְרֵייט אַ גְרוֹיסֶער שְׂכַר פַאר מְלַמְדִים.

וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוען דוּ הֶערְסְט רֶעדְן אוֹיף מְלַמְדִים, לֵיידֶער זֶענֶען דָא אַזֶעלְכֶע וָואס טָארְן נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט: "עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּ רֶבִּי מֵאִיר שְׁפִּירָא זַצַ"ל זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן מִיט אִים, דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוֹחֵט אוּן מֶען הָאט אִים אָפְּגֶעזָאגְט פוּן דִי שְׁחִיטָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט שׁוֹאֵל עֵצָה זַיין וֶועלְכֶע פַּרְנָסָה עֶר זָאל נֶעמֶען. רֶבִּי מֵאִיר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר טְרַאכְט צוּ טוּן, הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעקְלֶערְט אַז אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, זָאל עֶר וֶוערְן אַ מְלַמֵּד. הָאט אִים רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: 'אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעקֶענְט שֶׁחְטְ'ן אָקְסְן, צִיגְן אוּן הִינֶער, וֶועסְטוּ יֶעצְט גֵיין שֶׁחְטְ'ן קִינְדֶער?!'" עֶר הָאט אִים גֶעוָוארְנְט עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַוייגְן צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אִין יֶעדֶע פַּרְנָסָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ ווִיל זִיךְ אַרַיינְלָאזְן, דַארְף עֶר זִיךְ קוֹדֶם לֶערְנֶען דִי פַאךְ אוּן עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם קֶען עֶר אָנְהוֹיבְּן צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט דֶעם. עֶס זֶענֶען דָא פַאכְן וָואס מֶען קֶען זִיךְ גְרִינְגֶער לֶערְנֶען, אוּן עֶס זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען שְׁוֶוערֶער אוּן נֶעמֶען לֶענְגֶער זִיךְ צוּ לֶערְנֶען. צוּם בַּיישְׁפִּיל וֶוען אֵיינֶער ווִיל וֶוערְן אַ דָאקְטֶער, דַארְף עֶר גֵיין לֶערְנֶען אוּן שְׁטוּדִירְן פַאר לַאנְגֶע יָארְן בִּיז וֶוען עֶר קֶען זִיךְ דֶערְלֶערְנֶען אוּן קֶענֶען גוּט דֶעם פַאךְ. אֲפִילוּ קְלֶענֶערֶע פַאכְן דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ לֶערְנֶען קוֹדֶם, אֵיינֶער ווִיל אַרְבֶּעטְן מִיט עֶלֶעקְטְרִיק דַארְף עֶר זִיךְ דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען קוֹדֶם, אוֹיבּ נִישְׁט וֶועט עֶר זִיךְ עֶלֶעקְטֶערֶעזִירְן חַס וְשָׁלוֹם; אֵיינֶער ווִיל זַיין אַ פֶּעינְטֶער, אַ סְטָאלֶער, אָדֶער סַיי וָואס, דַארְף עֶר קוֹדֶם ווִיסְן אוֹיבּ עֶר טוֹיג דֶערְצוּ, עֶר דַארְף קֶענֶען דֶעם פַאךְ, עֶר דַארְף לִיבּ הָאבְּן דֶעם פַאךְ. אוּן פַאַרְשְׁטֵייט זִיךְ אַז קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט אוֹיפְנֶעמֶען אַ פַאכְמַאן צוּ טוּן פַאר אִים אַן אַרְבֶּעט אוֹיבּ יֶענֶער הָאט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג ווִי אַזוֹי מֶען טוּט עֶס, אָבֶּער עֶס אִיז דָא אֵיין פַאךְ וָואס אִיז אַן אוֹיסְנַאם, דָאס אִיז וֶוען אֵיינֶער ווִיל וֶוערְן אַ מְלַמֵּד. עֶס זֶענֶען טַאקֶע דָא אַסַאךְ גוּטֶע מְלַמְדִים, עֶס אִיז אָבֶּער גֶעוָוארְן אַזוֹי אַיינְגֶעפִירְט אַז וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, עֶר אִיז אַ שְׁלִימַזָל אוּן טוֹיג צוּ גָארְנִישְׁט – דֶער וֶוערְט אַ מְלַמֵּד. דָאס אִיז זֵייעֶר מָאדְנֶע, פַאַרְוָואס פּוּנְקְט בַּיי דֶעם פַאךְ קוּקְט מֶען גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אֵיידֶער מֶען נֶעמְט אִים אוֹיף אַלְס מְלַמֵּד צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר טוֹיג טַאקֶע צוּ דֶעם פַאךְ אָדֶער נִישְׁט? שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר אַז אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה אוּן עֶר אִיז מַחְלִיט אַז אַזוֹי ווִי עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וֶועט עֶר וֶוערְן אַ דָאקְטֶער... דָאס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ רְצִיחָה, עֶר וֶועט הַרְגְ'עֶנֶען מֶענְטְשְׁן רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס רַחֲמָנָא לִיצְלָן".

פַאַרְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט דִי גוּטֶע מְלַמְדִים; אָן עֶרְלִיכֶער מְלַמֵּד, אַ מְלַמֵּד וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער – דֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל. "חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דָנִיאֵל יב, ג): 'וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד, אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן' – דִי מְלַמְדִים וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵייעֶר שְׂכַר אִיז אַזוֹי פִיל אוּן אַזוֹי גְרוֹיס ווִי דִי שְׁטֶערְנְס אִין הִימְל. וֶוען מֶען קוּקְט אַרוֹיף אִין הִימְל זֶעט מֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע נִפְלָאוֹת הַבּוֹרֵא, דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן אַזוֹיפִיל בִּילְיָאנֶען שְׁטֶערְן. אוּן דָאס וָואס מֶען זֶעט מִיט דִי אוֹיגְן אִיז נָאךְ גָארְנִישְׁט קֶעגְן דֶעם וָואס מֶען זֶעט קוּקְנְדִיג מִיט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע פַאַרְגְרֶעסֶערוּנְג גְלָאז [טֶעלֶעסְקָאוּפּ]. עֶס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ צֵיילְן דִי פִילֶע בִּילְיָאנֶען שְׁטֶערְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן, אוּן עֶר הָאט זֵיי אַלֶע גֶעגֶעבְּן אַ נָאמֶען. זָאגְן חֲזַ"ל אַז אַזוֹי ווִי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס אִין הִימְל, אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן אוּן אָפְּשַׁאצְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שְׂכַר וָואס וַוארְט אָפּ פַאר אַ מְלַמֵּד וָואס גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט קִינְדֶער ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן לֶערְנְט מִיט זֵיי תּוֹרָה".

דָאס וָואס דוּ קְרֶעכְצְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט; מֵיין נִישְׁט אַז דֶער וָואס אַרְבֶּעט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ – הָאט מֶער גֶעלְט פוּן דִיר, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, יֶעדֶער וֵויינְט; דֶער חִילוּק אִיז נָאר, מִיט וָואס מוּטְשֶׁעט מֶען זִיךְ? "אָנוּ עֲמֵלִים וְהֵם עֲמֵלִים; אָנוּ עֲמֵלִים וּמְקַבְּלִים שָׂכָר", מִיר מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט טֵייעֶרֶע אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת, אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס קִינְדֶער; מִיר בּוֹיעֶן אוֹיף דֶעם קוּמֶענְדִיגְן דוֹר פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, "וְהֵם עֲמֵלִים וְאֵינָם מְקַבְּלִים שָׂכָר", אוּן אַנְדֶערֶע מוּטְשֶׁען זִיךְ אוּן עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט פוּן דֶעם.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת וישב תשפ"ב)


חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

אויף קול ברסלב

דרוקט: 1-2-4-2

- שמעו ותחי נפשכם -


צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com


קוֹל ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך

212-444-9191 / 845-351-0910

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com / טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876